פֿאַר דעם פֿאָטער מײַנעם און פֿאַר זײַנע מלאכים.
6 װער עס האָט אױערן, דער זאָל הערן, װאָס דער
גײַסט זאָגט צו די קהלות.
7 און צו דעם מלאך פֿון דער קהלה אין פֿילאַדעלפֿ־
פֿיאַ שרײַב:
דאָס זאָגט דער הײליקער, דער װאָרהאַפֿטיקער,
דער, װעלכער האָט דעם שליסל פֿון דוד, דער,
װעלכער עפֿנט אױף, און קײנער שליסט נישט צו; און
װעלכער פֿאַרשליסט און קײנער מאַכט נישט אױף:
8 (ישעיהו כב, כב.) איך קען דײַנע מעשים. אָט האָב איך
געגעבן פֿאַר דיר אַן אָפֿענע טיר, װאָס קײנער װעט
זי נישט קענען צושליסן; װײַל דו האָסט װײניק
קראַפֿט, און האָסט אָפּגעהיטן מײַן װאָרט, און נישט
9 פֿאַרלײקנט מײַן נאָמען. זע, איך גיב פֿון דער שול פֿון
דעם שטן די, װעלכע זאָגן װעגן זיך, אַז זײ זענען
ייִדן, און זענען עס נישט, נאָר זאָגן ליגנט; אָט װעל
איך זײ מאַכן קומען און זיך בוקן פֿאַר דײַנע פֿיס,
און זײ װעלן װיסן, אַז איך האָב דיך ליב געקריגן.
10 װײַל דו האָסט אָפּגעהיטן דאָס װאָרט פֿון מײַן סבלנות,
װעל איך דיך אױך אָפּהיטן פֿון דער שעה פֿון נסיון,
װאָס גײט קומען איבער דער גאַנצער באַװױנטער
װעלט, אױסצופּרוּװן די אײנװױנער אױף דער
11 ערד. איך קום גיך; האַלט פֿעסט, װאָס דו האָסט,
כּדי קײנער זאָל נישט אַװעקנעמען דײַן קרױן.
2 דעם, װאָס איז מנצח, װעל איך מאַכן פֿאַר אַ
זײַל אין דעם היכל פֿון מײַן ג־ט, און ער װעט מער
נישט אַרױסגײן (פֿון דאָרטן); און איך װעל אױפֿ־
שרײַבן אױף אים דעם נאָמען פֿון מײַן ג־ט, און דעם
נאָמען פֿון דער שטאָט פֿון מײַן ג־ט, דאָס נײַע
ירושלים, װאָס נידערט אַראָפּ פֿון הימל פֿון מײַן
3 ג־ט, און מײַן נײַעם נאָמען. װער עס האָט